# פֿענצטער נאָך פֿענצטער


## אַלבערט ראָזענבלאַט אַנטווערפּען און בריסל


ערבֿ-סוכּות תשסג / סעפּטעמבער 2002

פֿענצטער נאָך פֿענצטער,
טיר נאָך טיר,
די ווײַסע פֿאַסאַדן
מאַכן פֿון זיך אַ ציר.

און די גאַסן אַליין,
אין אַ קלאַסישן סטיל,
שאַפֿן פֿון שטאָט אַ מוזיי.

די זײַטיקע געסלעך
לאָזן כאַפּן דעם בליק
און פֿירן די אויגן
ביז דאָס רייהײַזער-בילד
פֿאַרשווינדט
— בײַם בייג אין וועג.

און גראָד פֿאַר דער ייִדישער געגנט,
אָנהייבנדיק בײַם וואָקזאַל
שלענגלט זיך אַ גאַס פֿון דימענטן-געשעפֿטן
ווי אַ צעבראָכענע קייט פּערל.

פֿאַר די גלעזערנע פֿראָנטן,
ווײַזט, מיט אַ קנייטש,
אַ יונגער ישׂראלדיקער קרעמער
ווײַטער, דעם חסידישן קוואַרטאַל.

אין וועג, טרעף איך אַ בראָנפֿן-געשעפֿט
און גיי אַרײַן
זוכנדיק אַ פֿלאַש ווײַן,
אַ מתּנה, פֿאַר אַ היגן
גאַסטפֿרײַנדלעכן פֿרײַנד.

דער קרעמער, אַ ניט-חסיד,
אַ לעבנגעבליבענער רומענער,
פֿאַרקויפֿט מיר זײַן לעבנסגעשיכטע בחינם,
דאָך איז דער געוווּנטשטענער ווײַן ניט צו געפֿינען.

אויפֿן ראָג פֿאַרנעם איך זיך רעכטס
און זע אַ גרינעם פּאַס.
ס'איז דער שטאָטישער פּאַרק,
וואָס קומט מיר אַנטקעגן,
אַ רויִק וועלדל,
אפֿשר אַ שטיקל גן-עדן,
אין מיטן דער שטאָט.

און אַנטקעגן דעם פּאַרק,
אַ קינד פֿאָרט אויף אַ ביציקל
אויפֿן ביציקל-וועג.
פּאות און קאַפּאָטע פֿאָרן מיט
גלײַכגילטיק צו אַ פֿרעמדנס בליק.

פֿון דער אַנדערער ריכטונג
פֿאָרט אַ דערוואַקסענער.
איך האַלט אים אָפּ;
ער גייט אַראָפּ
און ענטפֿערט אויף ייִדיש
די פֿראַגע וואָס איך האָב אים אויף ייִדיש געשטעלט:
ווו געפֿינט זיך אין געגנט אַ ביכערקראָם?

און אינעווייניק אין דער קראָם
— צווישן פּאָליצעס פֿול ביכער —
זיצט אַ קרעמער
און ענטפֿערט דעם טעלעפֿאָן.

דער קרעמער טראָגט אַ ווײַסע באָרד
דאָך זעט ער אויס צו יונג
צו זײַן אין די מיטעלע יאָרן.
ער רעדט אויף האָלענדיש
דערצו קען ער ייִדיש, העברעיִש, און ענגליש.

עס שטייט דערבײַ אַ קונה
וואָס קוקט לאַנג איבער אַן אתרוג,
ער זוכט אַ פּגימה אין דער פֿרוכט
ווײַל עס מוז
שטימען מיט דער הלכה.

דער קרעמער פּרוּווט אים איבערצײַגן
זאָגט אַז ער זאָל זיך ניט זאָרגן,
ס'איז ניטאָ קיין פּגימה בײַם אתרוג;
קאָן ער יאָ מאַכן אַ ברכה.

און לעבן דעם קונה שטייט
אַ יונגער-מאַן.
וואָס איז לאַנג שטיין געבליבן
מיט אַ לולבֿ אין דער האַנט.

און אין דרויסן אין אַ צווייטער גאַס
געפֿין איך אַ ריי יאַטקעס און רעסטאָראַנען.
די שילדן אויף די פֿענצטער
דערמאָנען שוין,
אַז, צוליב יאָנטעף,
וועט מען שליסן פֿרי.

דאָך גראָד פֿאַרן שליסן
בעט איך אָנבײַסן
אויב דער פֿאַרקויפֿער וויל זיך געבן די מי.

דאַן גיי איך אין די בעקערײַען
כּדי צו פֿאַרזוכן געבעקס
די וואָס מען באַקט נאָך
מיט דעם אַלטן שטעטלשן טעם.

צוריקגעקערט אין וואָקזאַל
זע איך אַ קראָם פֿון עלעקטראָנישע אַפּאַראַטן.
וואָס בלײַבט, כאָטש די שפּעטע שעה, נאָך אופֿן.

דער יונגער קרעמער, אין שוואַרצער באָרד,
זיצט אַ צופֿרידענער.
רעדנדיק אַ פֿײַן ענגליש
מיט אַ פּאָר קונים פֿון אינדיע
וואָס הייבן באַלד אָן
זיך איבער אַ טײַערן זייגערל צו דינגען.

דער קרעמער קען פֿליסיק ענגליש, האָלענדיש, העברעיִש.
דאָס לעצטע צוליב דעם ווײַב.
פֿונדעסטוועגן וויל ער בעסער אויף ייִדיש.

דערקלערט ער:
"ס׳איז העפֿלעכער.
"מע קאָן זיך בעסער אויסדריקן.
"מע קאָן זאָגן וואָס מע וויל.
"און מיט זיך זײַן זיכער."

איך זאָג אים אַז איך לערן זיך ייִדיש.
אויפֿן פּנים, ס׳ווערט פּלוצלינג אַ שמייכל.
די ידיעה פֿאַרשאַפֿט אים גליק.
און מיט אַ גרוס,
גיט ער מיר דעם רעשט צוריק.

ס׳איז אַנטווערפּען.
די חסידים זענען צופֿרידן
אַזוי זעען זיי אויס
— האָבן אַ פֿריילעך געמיט —.

אין דער וועלט, באַניצן זיי זיך
מיט אַלע לענדער-לשונות.
נאָר שריפֿטלעך בלײַבן די ספֿרים גאָר
אויפֿן הייליקן לשון.
און בײַם רעדן האַלט מען ייִדיש,
דאָס געוויינטלעכע מאַמע-לשון.

די חסידים האַלטן די אַלטע מנהגים
און בלײַבן בײַ דער אייגענער קליידונג
זיי היטן ייִדישקייט אָפּ
און האַלטן,
ווי אַ געטרײַער באַגלייטער,
דעם אַלטן ייִדישן גאָט.

ס׳איז שפּעט נאָכמיטאָג, אין אַנטווערפּען,

אין ייִדישער געגנט.
די זון וועט באַלד פֿאַרגיין.
באַלד וועט זײַן שבת,
באַלד וועט זײַן יאָנטעף,
אין אַ פּאָר שעה
וועט אַלץ רוען.

* * *

פֿאַרלאָזט דעם ייִדישן קוואַרטאַל
טו איך אַ קוק אינעם שטאָטישן זאָאָ
וואָס ליגט ניט ווײַט פֿון וואָקזאַל.

צווישן גראָז אוןביימער
באַמערק איך,
צוויי מאַלפּעס, אין אַ שטײַג,
פּוצנדיק צערטלעך איינע די אַנדערע.

עס פֿאַלט מיר אײַן
אַז אפֿשר וואָלט די וועלט בעסער געווען
ווען דער מענטש
וואָלט נאָכגעמאַכט
ווען ניט ווען,
כאָטש אַ פּאָר שעה,
זײַנע קוזינע, די מאַלפּעס.

דאַן צוריק צום וואָקזאַל
און ווײַטער קיין בריסל
פֿאַר זון-אונטערגאַנג.

* * *

אין בריסל עסט מען אַ נישט-כּשרע סעודה
מיט באַטעמטן פֿראַנצייזישן ווײַן.
דער באַנקעט קומט פֿאָר
אין ליכטיקן זאַל
אינעם נײַעם מאָדערנעם געבײַ
פֿונעם ייִדישן וועלטלעכן קהילה-צענטער
אויף דער גאַס ״ל׳אָטעל דיי מאָניי״.

נאָר אין הויף איז ניטאָ קיין סוכּה
ניטאָ אַפֿילו קיין צווײַג.
און ווּ איז דער אתרוג, דער לולבֿ,
און ווּ איז דער הבֿדלה-ווײַן?

די קהילה איז, אינעם סוף-וואָך, דער גאַסטגעבער
צום ״אַלטוועלטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון וועלטלעכע
הומאַניסטישע ידן״
וואָס האַלט אין בריסל הײַיאָר
דעם צוויי-יאָריקן צוזאַמענפֿאָר.

און שפּעטער אין אָוונט, דער הויפּטרעדנער, יוסי ביילין,
אַ געוועזענער ישׂראלדיקער מיניסטער

(און שלום-פֿאַרהאַנדלער) לייגט פֿאָר
אַז מע זאָל האָבן וועלטלעכע גיור
ווײַל ס׳מאַכט לײַכטער פֿאַר דער מדינה
דעם באַשלוס אָנצונעמען עולם
וואָס זייערע ייִדישע וואָרצלען זענען דער מדינה
פֿאַרדעכטיקט.

און צו מאָרגנס, דער ישׂראלדיקער דערציִער יעקבֿ מאַלקין,

לייגט פֿאָר,
אַז מע זאָל צוריקגיין
צו די אָריגינעלע מנהגים פֿון די יום-טובֿים.
למשל, יום-כּיפּור זאָל מען, ווי אַמאָל,
טאַנצן אויף די גאַסן.

און דער רבֿ, הרבֿ ווײַן, פֿון אַמעריקע,
אַ פֿירער אין דער באַוועגונג,
דערקלערט אַז מע זאָל זיך צוהערן
צו די כּתבֿים פֿון דער מסורה
און אָנערקענען
וואָס די שרײַבערס אַליין האָבן דאָרט געוואָלט זאָגן.

″אָבער לאָמיר נאָר אָננעמען דאָס וואָס שאַפֿט אַ ווידערקול פֿון
אונדזערע אייגענע שטימען.″
דער אמת איז אַז עטלעכע כּתבֿים זענען בײַ אונדז כּשר
און עטלעכע באַטראַכט מען ווי טריף.

דער עולם באַשטייט פֿון די קינדער
פֿון די אַמאָליקע מיטגלידער
אין די ייִדישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונגען.

די הײַנטיקע אָנטיילנעמערס ווינען אין פֿראַנקרײַך און בעלגיע.
זיי ווילן שאַפֿן אַ גן-עדן פֿון גערעכטיקייט,
ניט אין הימל נאָר דאָ אויף דער ערד
ווו ס׳וועט הערשן שלום און גלײַכקייט
ווו יעדער איז דעם אַנדערן אַ ברודער.
און צווישן פֿעלקער זאָל זײַן נאָר שלום
און קעגנזײַטיקער דרך-ארץ.

הײַנט שטרעבן די קהילה-מיטגלידער צו פֿאָדערן אַן
אָפּמאַך, אַ גערעכטיקן,
צווישן דער ישׂראלדיקער מדינה און די פּאַלעסטינער.

די פּראָבלעם איז אַז זיי בלײַבן בעלגיער
און זייער ייִדישקייט בלײַבט אין קאָפּ.
ס׳איז ניט אַזוי געווען בײַ די עלטערן
וואָס זענען געווען ייִדן אין תּוך.

איצט בלײַבן די ווערטן
נאָר ייִדישקייט בלײַבט אין קאָפּ.

מע וויל ניט פֿאַרלאָזן די וועלט
נאָר וויל מען בלײַבן ייִדן.

און ס׳בלײַבן די וועלטן,
אַנטווערפּען און בריסל,
אָפּגעשיידט איינער פֿונעם אַנדערן — אַ וועלט.
טויב און שטום שטייען זיי איינער פֿאַר דעם אַנדערן.

דאָך ס׳איז צײַט זיך איינער דעם אַנדערן צו אָנערקענען;
ס׳איז צײַט זיך איינער דעם אַנדערן אָנצונעמען.
ס׳איז צײַט אַז יעדער זאָל פֿאַרלייגן
אַז אַנטווערפּען און בריסל,
זאָלן זיך איינער דעם אַנדערן
האַרציק פֿאַרנייגן.